**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/18/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער האוקול מעלדט לאנג איילענד רעיל-ראוד שטייגט איבער איין מיליאן קאסטומערס ביי גרענד צענטראל מעדיסאן

***רעקארד פאנדעמיק-תקופה צאל רייזנדע איז גלייכצייטיג מיט די עפענונג פון צווייטע מאנהאטען טערמינאל***

***צייטליכע פונקציאנירונג איז געשטיגן איבער 93 פראצענט נאכפאלגנדיג סקעדזשול פארבעסערונגען***

גאווערנאר קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז די לאנג איילענד רעיל ראוד איז איבערגעשטיגן איין מיליאן באצאלטע קאסטומערס וואס רייזן אריין אדער ארויס פון די גרענד צענטראל מעדיסאן טערמינאל, וועלכע האט זיך געעפנט מיט פולשטענדיגע סערוויס אום פעברואר 27. דער מיילשטיין איז איבערשטיגן געווארן אום פרייטאג, אפריל 7. אין צוגאב, האט די LIRR געמאלדן מערערע פאנדעמיק-תקופה רייזנדע רעקארדס וואס זענען דערגרייכט געווארן זייט גרענד צענטראל מעדיסאן האט זיך געעפנט פאר פולשטענדיגע סערוויס. אום סיי שבת, אפריל 8 און זונטאג, אפריל 9, האט די רעילראוד געפירט א רעקארד פאנדעמיק-תקופה וויקענד רייזנדע אזוי ווי ניו יארקער האבן גענוצט מאסן-טראנזיט צו ארומפארן דורכאויס די האלידעי וויקענד - 108,740 קאסטומערס רייזנדיג שבת און 98,030 רייזנדיג זונטאג. דינסטאג, מערץ 21, האבן 213,026 קאסטומערס גענומען די LIRR, איבערשטייגנדיג די פריערדיגע פאנדעמיק-תקופה רעקארד פון נאוועמבער 2022.

"מיר האבן געמאכט היסטארישע אינוועסטירונגען אין טראנזיט אויף לאנג איילענד, פארגרינגערנדיג צו פארבינדן רייזנדע דורכאויס דעם ראיאן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ווען דער מיליאנסטער רייזנדער איז געפארן דורך גרענד צענטראל מעדיסאן קוים מאנאטן נאך דעם טערמינאל'ס עפענונג, צייגט עס גענוי ווי וויכטיג דעם סערוויס איז שוין געווארן פאר ניו יארקער איבער א קורצע צייט-אפשניט."

די LIRR האט אויך געמאלדן עטליכע מיילשטיינער דערגרייכט זייט די עפענונג פון גרענד צענטראל מעדיסאן. דעם מערץ, האט די LIRR פארקויפט 358,609 סיטי טיקעטס - וואס שטעלט צו אפ-פיעק רייזע אינערהאלב ניו יאָרק סיטי פאר $5 - א 118.5 פראצענט העכערונג איבער דעם פריערדיגן מערץ. דער קאמבא טיקעט, א געלעגנהייט פאר קאסטומערס צו קויפן ביליגערע טיקעטס ביים רייזן סיי אויף די LIRR און מעטרא-נארט רעילראוד אין די זעלבע רייזע, וואס איז ערמעגליכט געווארן דורך די עפענונג פון גרענד צענטראל מעדיסאן, איז גענוצט געווארן דורך איבער 4,000 קאסטומערס זייט איר אנהויב. דורכאויס אפריל 18, 2023, זענען 15,503 באנען אנגעקומען אדער אפגעפארן פון גרענד צענטראל מעדיסאן. די MTA'ס פאפולערע TrainTime עפפ האט געזען איבער 370,000 טיקעטס געקויפט פאר טריפס צו אדער פון גרענד צענטראל מעדיסאן.

**MTA טשעיר און CEO דזשאנא ליבער האט געזאגט**, "איין מיליאן קאסטומערס פארטרעט א ריזיגע מיילשטיין אין די עפענונג פון גרענד צענטראל מעדיסאן. צענדליגער טויזנטער ניו יארקער האבן פארבעסערט זייערע לעבנס זייט GCM האט זיך געעפנט - טייל דורך באקוועמערע פארבינדונגען צו וועלט-בארימטע שפיטעלער, אנדערע דורך ערשטמאליגע צוריק רייזעס וואס פארבינדן סיטי איינוואוינער צו לאנג איילענד דזשאבס, און אנדערע בלויז דורכן שפארן אזוי פיל ווי 40 מינוט אויף זייערע טעגליכע רייזעס. טריט נאך טריט, טוט גרענד צענטראל מעדיסאן פונדאמענטאל טראנספארמירן די געוועב פון ניו יארק."

**LIRR צייטווייליגע פרעזידענט און מעטרא-נארט רעילראוד פרעזידענט קאטערין רינאלדי האט געזאגט**, "דער עפענונג פון פולע סערוויס ביי גרענד צענטראל מעדיסאן טוט ערמעגליכן ערשטמאליגע פארבינדונג בשעת'ן אויך ערמעגליכן פארמערונג אין סערוויס. אזוי ווי מיר האבן צוגעזאגט, האבן מיר זיך צוגעהערט צו אונזערע קאסטומערס און פארבעסערט סערוויס כדי צו קענען בעסער נאכקומען זייערע געברויכן. מיט די ענדערונגען וואס מיר האבן איינגעפירט, האבן מיר דראמאטיש פארמינערט פארשפעטיגונגען און איבערגעפולטקייט, און קאסטומערס האבן רעאגירט מיט נעמען דעם באן אין פאנדעמיק-תקופה רעקארד צאלן."

**MTA עקטינג טשיעף קאסטומער באאמטער שאניפא ריערא האט געזאגט**, "די בענעפיטן פון גרענד צענטראל מעדיסאן זענען קלאר: צענדליגער טויזנטער קאסטומערס מיט שנעלערע רייזעס און פארמערטע סערוויסעס, ספעציעל פאר אף-פיעק און ריווערס-פיעק קאסטומערס. מיר האבן געזאגט איין טאג אז עס וועט נעמען צייט צו פארענדיגן דעם נייעם טערמינאל, און מיט די צוגאבע פון LIRR קאסטומערס, טוען מיר פונקט דאס, דורכן פארבעסערן סקעדזשולס און פארבעסערן וועג-טרעפן אינערהאלב די נייע סטאנציע. אזוי ווי מיר קוקן ארויס פאר נאך מיליאנען רייזעס וואס וועלן קומען ביי גרענד צענטראל מעדיסאן, מוטיג איך קאסטומערס צו ווייטער מיטטיילן זייער פידבעק, עס העלפט אונז מאכן זייער ערפארונג בעסער."

אין פארגאנגענע וואכן, זענען סקעדזשול ענדערונגען און פארלענגערטע באנען איינגעפירט געווארן, הייבנדיג באקוועמליכקייט און פארלעסליכקייט, און שטיצנדיג צייטליכע פונקציאנירונג מיט איבער 93.5 פראצענט. זייט פעברואר 27, איז די LIRR איבערגעשטיגן 200,000 רייזנדע אין 16 טעג, א צאל וואס די רעילראוד איז איבערגעשטיגן בלויז צוויי מאל דורכאויס די ערשטע 57 טעג פון 2023. דורכאויס די זיבן טעג צווישן אפריל 9 און אפריל 15, האט די LIRR געפירט א דורכשניט פון 168,726 טעגליכע קאסטומערס, די בעסטע זיבן-טאג דורכשניט זייט מערץ 2020. די העכסטע טעגליכע רייזנדע צאל ביי גרענד צענטראל מעדיסאן איז דערגרייכט געווארן אום דינסטאג, אפריל 11, מיט אומגעפער 32,060 קאסטומערס פארנדיג אריין און ארויס פון די נייע מאנהאטען טערמינאל.

צו באצייכענען דעם מיילשטיין פון איין מיליאן רייזעס איבערגעשטיגן, האט די LIRR באגריסט צוויי גרענד צענטראל מעדיסאן קאסטומערס זיך צו אנשליסן אינעם פייערונג: רעי ראגאנאוט און קארען העמילטאן. ראגאנאוט איז א פיזישע טעראפיסט און לאנג איילענד איינוואוינער, וואס האט געקענט נאכגיין נייע קאריערע געלעגנהייט אויף די איסט סייד פון מאנהאטען א דאנק די קורצערע רייזע וואס גרענד צענטראל מעדיסאן האט ערמעגליכט. העמילטאן איז אן איינוואוינער פון לאורעלטאן, קווינס, וואס האט גענאסן סיי פון די אנהויבונג פון אפטערע סערוויס צו סטאנציעס אינערהאלב קווינס און די עפענונג פון גרענד צענטראל מעדיסאן, וואו זי פארט אפט מיט איר מאמע צו מעדיצינישע אפוינטמענט ביי NYU לאנגאון העלט.

**טשעיר פון די LIRR רייזנדער קאונסיל און פערמענענט בירגער אדווייזארי קאמיטעט צו די MTA און MTA באורד מיטגליד געראַרד ברינגמאן האט געזאגט**, "1,000,000 גרענד צענטראל מעדיסאן רייזעס איז א גרויסער מיילשטיין פאר רייזנדע און די LIRR. אין די פאר מאנאטן זייט די נייע LIRR

סערוויס האט זיך אנגעהויבן, האט גרענד צענטראל מעדיסאן געעפנט נייע רייזע אפציעס און פארבעסערונגען פאר צענדליגער טויזנטער טעגליכע LIRR רייזנדע וועלכע האבן יעצט דירעקטע צוטריט און קורצערע רייזעס צו די איסט סייד. מיר זענען צופרידן צו זען אז די MTA האט ווייטער רעאגירט צו רייזנדער פידבעק דורך אנגייענדע ענדערונגען, די לעצטע פון וועלכע איז געווען דעם מאנטאג, אפריל 17, און קוקן ארויס צו זען נאך מער רייזנדע נוצן די נייע סערוויס אין די קומענדיגע מאנאטן. גרענד צענטראל מעדיסאן איז באמת א סימבאל פון א מער פאראייניגטע און אינטעגרעיטעד טראנזיט סיסטעם מיט סיי רעילראודס און די סאבוועי אונטער איין דאך!"

**אסעמבלי מיטגליד טשארלס לעווין האט געזאגט**, "דער מיילשטיין איז א דערמאנונג פון ווי אזוי די גרענד צענטראל מעדיסאן סטאנציע מאכט דאס לעבן גרינגער פאר לאנג איילענדערס וואס זוכן צוטריט צו די איסט סייד פון מאנהאטען. די רעילראוד איז א וויכטיגע סערוויס און איך וועל ווייטער ארבעטן מיט מיינע פארטנערס ביי די MTA וואס זענען אייניג געטריי צו מאכן פארבעסערונגען צו סערוויס סיי ווען נויטיג."

**סאפאלק קאונטי עקזאקוטיוו סטיוו בעלאן האט געזאגט,** "עס איז נאך א היסטארישע מיילשטיין פאר די MTA אזוי ווי מיר פייערן מער ווי איין מיליאן קאסטומערס וואס פארן צו און פון לאנג איילענד און גרענד צענטראל טערמינאל. געבן פאר לאנג איילענדערס די מעגליכקייט צו אנקומען צו גרענד צענטראל סטאנציעס איז באמת א גרויסע זאך פאר אונזער ראיאן. א דאנק אין נאמען פון מיליאנען נאך קאסטומערס און ערפאלג פאר ניו יארק סטעיט געטריבן דורך די ארכיטעקורעל און טראנספארטאציע בריליאנט וואס גרענד צענטראל סטאנציע איז."

**סאוטאיסט קווינס איינוואוינער קארען העמילטאן האט געזאגט,** "עטליכע מאנאטן צוריק, האט מיין מאמע געהאט א דאקטער אפוינטמענט אום 7:30 אינדערפרי און איך האב געקענט מיט זיכערקייט זאגן 'נעם דעם אפוינטמענט' וויבאלד איך האב געוואוסט אז מיר קענען נעמען אן איין-זיץ רייזע צו גרענד צענטראל און דער דאקטער'ס אפיס איז גלייך אויף 41 סטריט צווישן די צווייטע און דריטע, און איך האב געוואוסט אז מיר קענען בלויז רואיגערהייט שפאצירן דערצו. זי קען אנקומען צו אלע אירע דאקטער אפוינטמענטס ביי NYU לאנגאון מיט אן איין-זיץ רייזע און בלויז א קורצע שפאציר. דערפאר, האט דאס באמת געטוישט איר רייזן און איר מעגליכקייט צו צוקומען צו קעיר וואס זי דארף כסדר."

**LIRR קאסטומער רעי ראגאנאוט האט געזאגט,** "דורכאויס 2020 האב איך און מיין ווייב באשלאסן צו פארלאזן די סיטי און גיין קיין לאנג איילענד און דארט קויפן א הויז, אבער מיין הארץ האט אלעמאל באלאנגט צו די סיטי. און די לעצטע זעקס מאנאטן האב איך באקומען די געלעגנהייט צו ארבעטן נאכאמאל אין די אפער איסט סייד ביי א שפיטאל דארט. און, איינמאל מיין ווייב וואס רייזט שוין צו די אפער איסט סייד האט אנגעהויבן נעמען די גרענד צענטראל ליניע, איז איר רייזע געשניטן געווארן צו 20-30 מינוט, און עס איז געווארן א גרינגע זאך פאר מיר צוריקצוקומען צו די סיטי און זיין אין א סיטי וואס איך האב אזוי ליב."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418